YP (9)

יובל־נומער

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
JAN 2 1963

THE FUTURE

# די צוקונפט

## 70 יאָר
## צוקונפט

1892 - 1962

זיבעציק יאָר יידיש לעבן
אין אַמעריקע

פון קעסל־גאַרדן
ביז סובורביע

דער אויפקום פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג

די יידישע ליטעראַטור
אין אַמעריקע

דאָס יידישע טעאַטער
אין אַמעריקע

די יידישע פרעסע אין אַמעריקע

יידישע דערציאונג
און יידן אין פּאָליטיק

לידער, דערציילונגען, זכרונות, עסייען און יובל־באַגריסונגען

HARVARD COLLEGE LIBRARY
SERIAL DIVISION,
CAMBRIDGE,38,MASS.

NOVEMBER-DECEMBER, 1962 11-12 נאָוועמבער־דעצעמבער, 1962

פרייז איין דאָלער און 20 סענט

# „צוקונפט" טעאַטער פאָרשטעלונג

דאָנערשטיק אָוונט, 20טן דעצעמבער, 1962

אין יידישן אַנדערסאָן טעאַטער

סעקאַנד עוועניו און 4טע גאַס, נ. י.

•

דאָס וועט זיין אַ קולטור יום־טוב, געווידמעט

דעם 70־יאָריקן יובל פון „צוקונפט"

•

ספּעציעל פאַר דעם אָוונט ווערט צוגעגרייט אַ יום־טובדיקע פאָרשטעלונג

ס'וועט אויפגעפירט ווערן די באַוואוסטע פּיעסע

פון פּרץ הירשביין

## גרינע פעלדער

באַשטעלט אייערע בילעטן גלייך!

שרייבט אָדער טעלעפאָנירט:

Tel.: LEhigh 5-4642, LE 5-4509

"ZUKUNFT"
25 East 78th Street
New York 21, N. Y.

פרייז פון בילעטן:
$4.80, $4.20, $3.80, $3.20,
$3.00, $2.60, $2.00, $1.80
(טעקס אריינגערעכנט)



רעזערווירט די דאַטע פאַרן

# יערלעכן „צוקונפט"־סימפּאָזיום

## ROUND TABLE SYMPOSIUM

זונטיק אָוונט, 10טן מערץ, 1963

אין אַסטאָר האָטעל, ניו־יאָרק

גענויערע פּרטים וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן באַזונדער.

•

פריינדלעכע אָרגאַניזאַציעס ווערן געבעטן נישט צו פאַרנעמען דעם אָוונט מיט קיינע אַנדערע אַקטיוויטעטן.

•
SUNDAY
MARCH 10th, 1963
in ASTOR HOTEL
(Times Sq., N. Y.)
•


70th ANNIVERSARY OF THE "ZUKUNFT" • JUBILEE EDITION


Published Monthly from September to April and Bi-monthly from May to August by: Congress for Jewish Culture United with "CYCA") 25 East 78th Street, New York 21, N. Y.
Subscription Rates: Single Copies 70c, One Year $7.00; Foreign Countries, Single Copies 80c, One Year $8.00.
Second Class Postage Paid at New York, N. Y.
GRENICH PRINTING CORP., 151 W. 25th St., New York 1, N. Y.

# יובל-נומער

## 70 יאָר „די צוקונפט"

•

## אינהאַלט:


אינהאַלט פון יובל-נומער — — — — — — — — — — — — — — — 405
ה. לייוויק: נאָך אַלע סך-הכלען (ליד) — — — — — — — — — — 406
יעקב גלאַטשטיין: אויסגעהאַלטן „די פּראָבע" (לייט-אַרטיקל) — — — — — — 408
יעקב פּאַט: אַ בליק אין דער פאַרגאַנגענהייט (לייט-אַרטיקל) — — — — — — 410
דר. ש. מאַרגאָשעס: 70 יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע — — — — — — — 411
בצלאל שערמאַן: פון קעסל-גאַרדן ביז סובורביע — — — — — — — — — 415
ריקודה פּאָטאַש: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — 418
א. גלאַנץ-לעיעלעס: אברהם ליעסין (זכרונות) — — — — — — — — — 419
מלכה לי: אברהם ליעסין (ליד) — — — — — — — — — — — — — — 422
מרדכי ראָטענבערג: צוויי לידער — — — — — — — — — — — — — — 422
נ. כאַנין: אויפבלי פון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג — — — — — — 423
זרבבל: עטאַפּן אין דער „צוקונפט" — — — — — — — — — — — — — 429
אפרים אויערבאַך: איינציקע (לידער) — — — — — — — — — — — — 435
לייזער טריסטער: סיד און זיין הויזגעזינד (דערציילונג) — — — — — — 437
אליעזר גרינבערג: פיר סעקאָנד עוועניו לידער — — — — — — — — — 445
מאיר בראָון: צו דער געשיכטע פון אַרבעטער ציוניזם — — — — — — — 447
ישעיהו שפּיגל (ישראל): דער רויטער זשאַקעט (דערציילונג) — — — — — — 452
שלמה ביקל: זיבעציק יאָר יידיש-ליטעראַטור אין אַמעריקע — — — — — — 457
אַלף כץ: די ערשטע זייט (פּאָעמע) — — — — — — — — — — — — — 466
ז. זילבערצווייג: דאָס אַמעריקאַנער יידיש טעאַטער — — — — — — — — 467
רייזל זשיכלינסקי: עס האָט מיך אויפגעוועקט (ליד) — — — — — — — — 470
משה שטאַרקמאַן: 70 יאָר יידישע פּרעסע אין אַמעריקע — — — — — — — 471
יוסף רובינשטיין: ען-קאָ-ווע-דע (פּאָעמע) — — — — — — — — — — — 481
שואל גוטמאַן: דער מאָרגן פון דער יידיש-וועלטלעכער שול — — — — — — 484
ה. לאַנג: יידן אין אַמעריקאַנער פּאָליטיק — — — — — — — — — — 489
ח. ל. פוקס: פאַרגעסענע שרייבערס פון „צוקונפט" — — — — — — — — 494
ל. פיינבערג: מען בויט אַ קיבוץ (ליד) — — — — — — — — — — — — 496
שמואל וויים: אַ געשיכטע פון דעם „טרייענגל פייער" — — — — — — — 497
מרדכי וו. בערנשטיין: סימבאָלישע צאָל 70 ביי יידן — — — — — — — 499
ח. פּופקאָ: בלעטערנדיק די „צוקונפט" — — — — — — — — — — — 500
יעפים ישורין: ביבליאָגראַפיע פון „צוקונפט" — — — — — — — — — 503
יובל-באַגריסונגען — — — — — — — — — — — — — — — — — — 524


•

## בילדער:

יעקב גאָרדין — חיים גרינבערג — אַלעקסאַנדער האַרקאַווי — סידני הילמאַן — ב. וולאַדעק — ש. יאַנאָווסקי — יהואש — א. ליעסין — נ. ב. מינקאָוו — ש. ניגער — דוד עדעלשטאַט — דוד פּינסקי — ב. צביון — אַב. קאַהאַן — יעקב קרעפּליאַק — מאָריס ראָזענפעלד — אברהם רייזען — ש. שלעזינגער.

די ערשטע ידישע אַרבעטער יוניע, האָט זיך געגרינדעט די ידישע כאָריסטן יוניע און דערנאָך די ידישע אַקטיאָרן יוניע, וועלכע עקסיסטירט ביז צום היינטיקן טאָג, דורכגייענדיק פאַרשידענע גלגולים, מיטמאַכנדיק פעריאָדן פון אויפשטייג און אַראָפּפאַל, פון פּראָספּעריטי און קריזיס, אָבער פאָרט קיינמאָל ניט איבערגעלאָזט דעם ידישן אַקטיאָר אויף הפקר און תמיד געזאָרגט פאַר זיין מאַטעריעלער דערהאַלטונג.

דאָס לעבן אין דער נייער וועלט, וואָס איז געווען וויניקער און קנאַפּער געבונדן אין די רעליגיעזע ידישע ראַמען, איז אויך געווען אַ סך גינסטיקער צו שאַפן אַ גרעסערן עלעמענט פון פּובליקום. אויסערדעם זיינען די עקאָנאָמישע באַדינגונגען בכלל געווען אין אַמעריקע אַ סך גינסטיקער. אפילו אין די גאָר ערשטע יאָרן פון דער אימיגראַציע, אין דער סוועט-שאַפּ-עפּאָכע, ווען מען האָט זייער שווער געהאָרעוועט פאַרן דאָלאַר, האָט מען פאָרט געזוכט אַ שבתדיקע אָדער זונטאָגדיקע אָפּרו, און אויב ניט אין מיטנוואָך, פלעגט מען זיך דערלויבן אין די דאָזיקע צוויי טעג אָפּט צו באַזוכן דאָס ידישע טעאַטער. ווען דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון ידישן אימיגראַנט איז געוואָרן לייכטער, ווען זיינע פאַרדינסטן זיינען געוואָרן גרינגער און גרעסער און ער האָט גענומען זוכן מער פאַרזוויילונג אָדער גייסטיקן גענוס, איז אַוודאי דאָס ידישע טעאַטער, צוליב זיין פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, געוואָרן זיין אויסדערוויילטער פּלאַץ. מיטן עקאָנאָמישן שטייגן, מיטן איבערגיין פון אַרבעטסמאַן צום האַנדלסמאַן, צום סוחר, צום פעקטאָרי-אייגנטימער, אָדער מיט דער אָרגאַניזירונג פון אַרבעטער אין יוניאָנס (ווען זיין עקאָנאָמישע פּאָזיציע איז געוואָרן שטאַרקער), איז אָפטער געוואָרן זיין מעגלעכקייט פאַר די געווינלעכע אָוונט-באַזוכן אין ידישן טעאַטער. ניט קיין קליינע ראָל אויף דעם געביט האָט אויך געשפילט דאָס אָרגאַניזירטע ידישע לעבן, פריער אין לאַנדסמאַנשאַפטן, דערנאָך אין פאַרשידענע לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן דורך בענעפיס-פאָרשטעלונגען אין ידישן טעאַטער אויסגעהאַלטן גרויסע טיילן פון זייערע בודזשעטן אָדער קוואָטעס. דורך זייער אָרגאַניזירטן בילעטן-פאַרקויף זיינען זיי צוגעקומען צו די ברייטסטע ידישע פאָלקס-מאַסן און זיי געבראַכט אין ידישן טעאַטער מאַסנוויז אַלע אָוונטן פון דער וואָך.

דאָס ידישע טעאַטער אין אַמעריקע, כל-זמן דער אַמעריקאַנער ייד האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש, האָט באַקומען פאַר אַ לענגערער צייט אַ סטאַבילן, פעסטן הונדערט-טויזנטדיק-קעפּיקן באַזוכער.

אַן אַלטע ידישע אגדתא דערציילט אַ זייער קלוגע זאַך, אַז אַ גר איז אַמאָל געקומען צום גרויסן ידישן געלערנטן הלל הזקן און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים זאָגן „אויף איין פוס וואָס עס איז אַזוינס ידישקייט". מען קאָן זיך פאָרשטעלן דאָס פּראָבלעם פאַר וועלכן הלל איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן. ער, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג שטודירט ידישקייט און געהאַלטן מסתמא, אַז ער האַלט נאָך אַלץ פון פאָרנט... דאָך האָט ער זיך ניט פאַרלאָרן ווען מען האָט אים געשטעלט די שאלה און ער האָט געזאָגט: דעלך סני לחברך לא תעמד" (וואָס דו האָסט ניט ליב, זאָלסטו ניט טאָן צו אַ צווייטן), און אַלץ איבעריקע אין דער תורה איז נאָר אַ פירוש צו דעם.

איך וויל מיר דערלויבן אָט דער קלוגן זאָג צו פּאַראַפראַזירן — ווען די רעדאַקציע פון „צוקונפט" האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע אין 3-4 זייטלעך איבערצוגעבן די

רייזל זשיכלינסקי

# עס האָט מיך אויפגעוועקט

געווידמעט דעם אָנדענק פון א. לוצקי

עס האָט מיך אויפגעוועקט די לבנה
וואָס איז פּלוצעם שטיין געבליבן
אין ליידיקן הימל —
און אפשר אַ שכן ?
אַ שפּעטער שליסל ?
אָדער די באַרוועסע טריט פון אַ קינד,
וואָס איז בייטאָג געלאָפן אויף די טרעפּ
אין בלויזן העמדל — און געוויינט ?
אפשר דער טויטער פּאָעט,
וואָס דרייט נאָך אַלץ אַרום זיך
אין דער קאַפעטעריע ?...
אין גרינעם שניפּסל,
מיט זיין בוך אין האַנט —
דרייט ער זיך אַרום
אין דער קאַפעטעריע...
ער לייענט אַ ליד פאַר די קאַלעגן ;
ער פרעגט אַן עצה,
שטרייכט... מעקט...
איך גיי אים אַלץ נאָך זוכן דאָרט —
צווישן די ליידיקע טישן...

---

געשיכטע פון ידישן טעאַטער אין אַמעריקע אין משך פון די לעצטע 80 יאָר, פאַקטיש זינט דעם אָנהייב פון דער ערשטער ידישער פאָרשטעלונג אין אַמעריקע — איך וואָלט געוואָלט זאָגן דעם לעזער: „דאָס ידישע טעאַטער אין אַמעריקע איז געווען אַ וויכטיקער נאַציאָנאַל-קולטורעלער פאַקטאָר אין אונדזער ידיש לעבן אין דער נייער וועלט". דאָס איבעריקע גייט און שטודירט. באַקענט זיך גענוי מיט דעם אַלעם, וואָס דאָס ידישע טעאַטער אין אַמעריקע האָט געשאַפן אין משך פון אָט דער צייט און איר וועט קומען צום באַשלוס, אַז די קאָנקלוזיע איז אַ ריכטיקע, ניט איבערגעטריבן.

דאָס ידישע טעאַטער אין אַמעריקע האָט זייער אַ סך אויפגעטאָן אויף עטלעכע געביטן, קודם-כל אויפן דראַמאַטורגישן, געלייגט דעם יסוד פאַר דער ידישער דראַמע, געבויט און אָנגעהאַלטן צענדליקער יאָרן אַ ליטעראַריש (קינסטלעריש) ידיש טעאַטער, געשאַפן דעם טיפּ פון דער ידישער מוזיקאַלישער קאָמעדיע, אַנטוויקלט, אויפגעצויגן און אויסגעבילדעט דעם ידישן שוישפּילער און אַ לאַנגע צייט אָנגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט צווישן דעם איינגעוואַנדערטן ייד מיט זיין אַלטער היים און טיילווייז מיט דעם געבוירענעם ייד אין אַמעריקע — דאָס איז דער רינג אין דער קייט פון ידיש לעבן (דורך דער פּריזמע פון דער בינע) און דורך דער ידישער שפּראַך.